Shema Kolainu
HEAR OUR VOICES
SCHOOL & CENTER FOR CHILDREN WITH AUTISM

is pleased to invite you to participate at our

6th Annual Legislative Breakfast

Tuesday, August 5, 2008 8:15 AM
The Renaissance Ballroom, 5902 14th Avenue Brooklyn

Honorary Chairs
Senator Charles E. Schumer
Senator Hillary Rodham Clinton

Breakfast Chair
John A. Catsimatidis
Chairman & CEO, Red Apple Group, Inc.

Master of Ceremonies
Menachem Lubinsky

Joshua Weinstein, M.Ed., M.B.A.
President and Founder, Shema Kolainu

Sponsored by:
GRISTEDES

10
Our 10th Anniversary

Paying Tribute to:
Hon. Thomas P. DiNapoli
Comptroller, State of New York
State Leadership Award

Hon. Malcolm A. Smith
Democratic Leader, New York State Senate
Legislative Leadership Award

Hon. David I. Weprin
New York City Council Finance Chair
Shema Kolainu Autism Leadership Award

Hon. Bill de Blasio
Member, New York City Council
Legislative Leadership Award

Charles J. Antonucci, Sr.
CEO and President, The Park Avenue Bank
Shema Kolainu Appreciation Award

Yitzchok (Jules) Fleischer
Community Liaison, State Senator Diane Savino
Community Tribute Award

Bruce Rudolph
Director, NYC Department of Design and Construction
Shema Kolainu Hakoras HaTov Award

Remarks:
State Senator Kevin S. Parker
Greetings:
Councilman Simcha Felder

To RSVP please call 718-633-3850
or email Breakfast@FriedlanderGroupPR.com

Invitation non-transferable. Limited seating.

# נייעס פון די אידישע וועלט

(פארזעצונג פון זייט 6)

איגעלבורגער אנערקענט אז עס זע־נען געווען געוויסע פראבלעמען מיט די קאמיסיע וואס ער האט אנגעפירט, אבער ער זאגט אז דער איצטיגער ביל אין קאנגרעס איז "פונדאמענטאל גע־פארפול", ווייל עס וועט ערנסט וויר־קן אויפ׳ן צוטרוי און ווירדע פון אמע־ריקאנער דיפלאמאטישע אפמאכן. ער זאגט אויך אז עס וועט ברענגען ווייניג בענעפיטן פאר די איבערלעבער, וועל־כע וועלן ווארשיינליך נישט זען קיין געלט אפילו נאך לענגערע געריכטלי־כע אנקלאגעס. ער זאגט, אז וועקסלער און לעטינען האבן דאס אויפגעברענגט פאר פאליטישע סיבות, און "זיי שפי־לן אויף געפילן, נישט רעאליטעט".

אויך סטווארט אייזנשטאדט, וועל־כער האט געדינט אלס די אמעריקא־נער רעגירונג׳ס פארשטייער איבער האלאקאוסט־פארגיטיגונג טעמעס, איז קעגן דעם ביל, זאגענדיג אז עס וועט שעדיגן אמעריקע׳ס ראלע ביי ווײ־טערדיגע אפמאכן.

וועקסלער און לעטינען פארטיידי־קן זייער שטיצע פאר׳ן ביל, אנווייזענ־דיג אז פיל מלחמה־איבערלעבער ארגאניזאציעס שטיצן דאס, ווייל די אינשורענס פירמעס, וועלכע ארבייטן גאר שווער צו שטערן דעם ביל, האבן נישט געשליכטעט אלע קלעימס.

די קעגנער פונעם ביל, צווישן זיי די "אנטי דעפעמעישאן ליגע", האבן געהאט א זיג פאריגן מאנאט, ווען דער פארזיצער פון די קאנגרעסיאנאלע פינאנציעלע סערוויסעס קאמיטע, קאנ־גרעסמאן בארני פרענק פון מאסאט־שוסעטס, האט ארויסגענומען געוויסע פונקטן פונעם ביל, אריינגערעכענט אז די פירמעס זאלן דארפן עפנטליך פאר־שטעלן די נעמען פון אלע וואס האבן געהאט פאליסיס, וואס פרענק האט צו־געשריבן צו פרייוועסי זארגן. ער וויל אויך אז דער ביל זאל ערלויבן אנצו־קלאגען בלויז פירמעס וועלכע האבן נישט טיילגענומען אין די קאמיסיע׳ס שליכטונג.

די שטיצער פונעם ביל זענען גע־ווען איבערראשט אז פרענק, וועלכער האט פריער געשטיצט דעם ביל, האט געמאכט אזעלכע קריטישע ענדערונ־גען. טייל האבן באשולדיגט אז דאס איז פארבינדן מיט׳ן פאקט אז פרע־נק׳ס הויפט לעגאלער ראטגעבער, טא־מאס גלעסיטש, האט אמאל געארבייט פאר די אדוואקאטן פירמע וואס איז

(פארזעצונג אויף זייט 9)




דאס איז א דראמאטיש בילד וואס איז ברייט פובליצירט געווארן איבער די גאנצע וועלט, פון דעם קוואנטאס עראפלאן וואס האט בשלום געלאנדעט אין מאנילא, נאכ׳ן אויפרייס אין די באגאזש אפטיילונג, ווען דער עראפלאן איז פרייטאג געווען אונטערוועגנס פון לאנדאן צו אוסטראליע

ווען דער ריזיגער באואינג 747־400 עראפלאן האט דורכגעפירט דערפאלגרייך דעם עמוירדזענסי לאנדינג אין מאנילא, האט מען געקוקט מיט וואונדער און זיך נישט געקענט גלויבן אז מיט אזא גרויסן לאך, איז דער עראפלאן נישט מער געשעדיגט געווארן נאר עס האט געקענט ווייטער פליען ביז צום עמוירדזשענסי לאנדען

דער לאך איז געווען נעבן דעם רעכטן פליגל, און דאס אליין איז געווען איינע פון די וואונדער אז דער אויפרייס האט נישט געשעדיגט די ברענשטאף טאנקען וואס זענען אין דעם פליגער, אויפצורייסן דעם גאנצן עראפלאן

אויף דעם בילד זעט מען ווי דער קאפיטאל פונעם עראפלאן, דזשאן פרענציס באטעלס, באקוקט "זיין" געשעדיגטן עראפלאן, און איז אליין ערשטוינט אז ער האט געקענט לאנדען דעם עראפלאן, דערפאלגרייך

שיעורי
כ״ק הגה״צ אדמו״ר מוהרא״ש שליט״א
בשיעורי ליל ששי בבית המדרש היכל הקודש - חסידי ברסלב
212-444-9191

בס״ד
שיעורים בחסידות ברסלב באידיש
ברסלב
קול אמונה
מתיבתא היכל הקודש
1129 42nd St.
Brooklyn NY 11219